בעזהשי"ת

# דברי חיזוק

## פרשת כי תצא


**רביה"ק מסאטמאר** - טו נאר אביסל, דער איבערשטער וועט דיר שוין געבן כוחות אויף ווייטער! [עמוד ג]

**רביה"ק מסאטמאר** - דו קענסט גארנישט אליין, שטענדיג דארפסטו צוקומען צו די הילף פונעם באשעפער! [עמוד ה]

**תורת אמת** - אויב האסטו דעם נסיון, איז זיכער אז דו קענסט דאס ביישטיין! [עמוד ח]

**תורת אמת** - ווארט נישט ביז דו שטייסט שוין פנים אל פנים קעגן דעם שונא! [עמוד י]

**עבודת עבודה** - דער וועג צו באזיגן דעם יצר הרע: דורך אחדות און צדקה [עמוד יג]

**רביה"ק מסאטמאר** - אז דו וועסט נאכגעבן א קליינינקייט פארן יצר הרע, קענסטו אנקומען צו די ערגסטע עבירות! [עמוד טו]

**שפת אמת** - די מצוה אליין איז אסאך טייערער ווי די גאנצע שכר! [עמוד יח]

**חיד"א** – דורך ענוה ווערט מען באשיצט פון אלע מקטרגים! [עמוד כ]

**דגל מחנה אפרים** - וויאזוי איז מען זיך מחזק אין נידריגע מצבים?? [עמוד כב]

**אמרי אמת** - די סטרא אחרא וועט נישט האבן קיין שום שליטה אויף דיר! [עמוד כג]

**שפת אמת** - חודש אלול – דער צייט איינצוקויפן כוחות צו קענען מכניע זיין די קליפות [עמוד כה]

**דעת משה** - דורכן רעדן הייליגע דיבורים איז מען זוכה צו די גרעסטע מדריגות און צו אלע השפעות [עמוד כז]

**חת"ם סופר** - "וויאזוי קען מיין תשובה האבן א קיום"? [עמוד כט]

**מי השלוח** - קיין שום זאך וואס דו טוסט פאר השי"ת גייט נישט לאיבוד! [עמוד לא]

**מי השלוח** - האסט געטון א מצוה בטעות? באקומסט שכר אויף דעם! [עמוד לג]

**אמרות טהורות** - געוואלד! היט דיך פון עמלק!! [עמוד לד]

**תפארת שלמה** - נעם ארויס דיין קאפ פון גשמיות [עמוד לה]

**אמרות משה** – אלעס וואס פאסירט איז מיט אן אויסגערעכנטן חשבון פון די השגחה עליונה [עמוד לז]

**ישמח משה** - זיי נישט קיין נאַר, נוץ אויס די הרהורי תשובה וואס קומען אריין צו דיר! [עמוד לח]

**אמרי פנחס** - די מדת השפלות פון הרה"ק רבי פנחס קאריצער זצוק"ל [עמוד לט]

צו זיך איינשרייבן צו באקומען וועכנטליך די גליון

**רופט / טעקסט / אימייל צו מכון דברי חיזוק אויף 845-886-0123**

**ווי אויך פאר סיי וועלכע באמערקונגען קענט איר לאזן א מעסידזש אויפן סיסטעם אדער שיקן א אימייל צו**

dc8458860123@gmail.com

חלק מקונטרס הזה הוא מעשי ידי אומן של
הרב ר' **יוסף** זצ"ל ב"ר **אברהם שמואל יהודא** שליט"א
שהעתיק, ערך, וליבן חלק מקונטרס הזה, אשתקד פרשת כי תצא תשפ"ה
נדפס לזכרו ולעילוי נשמתו
יה"ר שזכות הרבים יעמוד לו לנצח ולנצחים, לו ולדורותיו
ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
הרה"ק רבי **פנחס** ב"ר **אברהם** מקאריץ זצוק"ל
יומא דהילולא י' אלול

## - א -

### טז נאר אביסל, דער אויבערשטער וועט דיר שוין געבן כוחות אויף ווייטער!

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ** (כא, י)
אויב דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דער אויבערשטער
וועט אים איבערגעבן אין דיינע הענט, און דו וועסט פאנגען א געפענגעניש פון אים

מען דארף פארשטיין דאס לשון 'כי **תצא** למלחמה', וואס וויל ער דא דרוקן מיטן 'ארויסגיין', עס וואלט געדארפט שטיין 'כי תלחם'. אויך איז שווער דאס לשון 'ונתנו ה' אלקיך בידך ושבית שביו', ווייל איינמאל ס'איז שוין 'ונתנו ה' אלקיך בידך' האט מען דאך שוין אלעס, איז פארוואס זאגט ער נאכאמאל 'ושבית שביו'.

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז דאס מבאר לויט די ווערטער פונעם מדרש (איכה רבה ה, כא) אז ס'איז דא א דין ודברים צווישן כנסת ישראל און השי"ת כביכול, די אידן

זאגן 'השיבנו ה' אליך ונשובה' (איכה ה, כא), און השי"ת זאגט 'שובו אלי ואשובה אליכם' (זכריה א, ג). דאס מיינט צו זאגן, אז מיר בעטן פון השי"ת אז צום ערשט זאל זיין 'השיבנו ה' אליך' - ער זאל אונז דערנענטערן צו אים, און דורכדעם וועט זיין 'ונשובה' - מיר וועלן זוכה זיין צו תשובה טון. אבער השי"ת זאגט כביכול פארקערט, 'שובו אלי' - קודם זאלט איר תשובה טון, און נאכדעם 'ואשובה אליכם' - וועל איך זיך דערנענטערן צו אייך.

באמת זענעןביידע בחינות אמת, אזוי ווי עס איז משמע אין די ווערטער פונעם עקידת יצחק (פ' ראה שער צ"ד), אז די ריכטיגע תשובה גייט אין דריי שטאפלען: א] קודם דארף א מענטש אליינס נתעורר ווערן תשובה צו טון, אפילו נאר א קליין ביסל. ב] נאכדעם וואס דער מענטש האט שוין אנגעהויבן עפעס צו טון, דעמאלט שיקט מען אים צו פון הימל א התעוררות אז ער זאל זוכה זיין ריכטיג תשובה צו טון. ג] נאך וואס ער האט שוין באקומען די התעוררות פון הימל, דארף ער ווייטער כסדר אליינס זיין א 'מוסיף והולך' ביז ער וועט זוכה זיין צו 'תשובה שלימה'.

דאס איז פשט אין דעם מאמר חז"ל (שהש"ר ה, ג) 'פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם', אז קודם דארף דער מענטש כאטש אביסל עפענען די טיר, און זיך אביסל מעורר זיין צו תשובה, און איינמאל ער האט שוין געהאט עפעס אן התעוררות, אפילו עס איז נאר געווען אזוי שוואך און קליין ווי די שפיץ פון א נאדל, וועט ער דורכדעם זוכה זיין צו באקומען גאר א גרויסע השפעה פון הימל, וואס דאס וועט אים ערמעגליכן צו פארגרעסערן די עפענונג מיט א ריכטיגע התעוררות צו תשובה, און נאכדעם דארף ער מיט זיינע אייגענע כוחות פרובירן כסדר צו פארגרעסערן די עפענונג מער און מער, ביז ער וועט זוכה זיין צו די העכסטע מדריגה פון תשובה.

לויט דעם קען מען בעז"ה פארשטיין דעם פסוק 'כי תצא למלחמה על אויבך', ווייל די מפרשים זאגן דאך אז דער פסוק איז מרמז אויפן 'מלחמת היצר', ממילא איז זייער גוט פארוואס עס שטייט 'כי תצא למלחמה' און נישט 'כי תלחם', ווייל דאס איז מרמז זיין אז אפילו ווען דער מענטש וועט נאר טון ממש א קלייניגקייט אנצוהייבן די מלחמת היצר און תשובה טון, אפילו עס איז אזוי קליין אז עס קען ניטאמאל אנגערופן ווערן 'מלחמה', נאר 'ארויסגיין' צום מלחמה, אבער וויבאלד ער האט געטון כאטש א קלייניגקייט, ער האט געעפנט א 'פתח כחודו של מחט', וועט ער דורכדעם זוכה זיין צו 'ונתנו ה' אלקיך בידך', אז השי"ת וועט עפענען פאר אים א 'פתח כפתחו של אולם'. און דער פסוק פירט אויס 'ושבית שביו', אז נאכדעם וואס דער מענטש האט באקומען די השפעה פון הימל, קען ער ווייטער ארבעטן מיט זיינע אייגענע כוחות ביז ער וועט זוכה זיין צו תשובה שלימה.

## - ב -

**דו קענסט גאדנישט אליין, שטענדיג דארפסטו צוקומען צו די הילף פונעם באשעפער!**

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע שטעלט זיך: אין ספרי (פיסקא א') געפינט מען אן אינטרעסאנטן לשון: 'אם תעשה כל האמור בענין סוף ונתנו ה' אלקיך בידך' [אויב וועסטו מקיים זיין אלעם וואס ווערט געזאגט אין דער פרשה, וועט דער אויבערשטער איבערגעבן דיין פיינט אין דיין האנט]. דארף מען פארשטיין וואס איז די כוונה פון די ווערטער "כל האמור בענין", ווייל עס קען נישט זיין אז דאס מיינט אז מען וועט מקיים זיין די הלכות פון 'יפת תואר', ווייל דאס איז דאך נאר שייך נאכדעם וואס ס'וועט שוין זיין 'ונתנו ה' אלקיך בידך'. ווי אויך איז שווער דאס דאפלט לשון 'ושבית שביו'.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

## כי תצא

נאר ווי ערקלערט אויבן [אינעם פריערדיגן שטיקל] איז דער פסוק מרמז, אז א מענטש דארף צום ערשט אנהויבן תשובה צו טון אפילו מיט א קלייניגקייט, און דאן וועט ער זוכה זיין צו א השפעה פון הימל, און דער וועט דאס נוצן ווייטער צו דערגרייכן צו תשובה שלימה מיט זיינע אייגענע כוחות.

דער אמת איז אבער, אז דאך דארף ער אייביג צוקומען צו די הילף פון השי"ת, ווי חז"ל זאגן (קידושין ל:) **'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו'** [אויב דער אויבערשטער העלפט נישט דעם מענטש קעגן דער יצר הרע, קען ער אים נישט בייקומען].

דאס זאגט דער ספרי **'אם תעשה כל האמור בענין סוף ונתנו ה' אלקיך בידך'**, דאס מיינט אז נאכדעם וואס דו וועסט שוין זוכה זיין צו טון אלע דריי שטאפלען פון תשובה, און דו וועסט שוין אנקומען צו תשובה שלימה וואס איז מרומז אין 'ושבית' וואס שטייט ביים סוף פונעם פסוק, דעמאלטס וועסטו נאכאמאל זוכה זיין צו 'ונתנו ה' אלקיך בידך' - אז השי"ת וועט דיר העלפן צו זיך מתגבר זיין אויפן יצר הרע בתכלית השלימות.

מיט דעם איז שוין אויך פארשטענדליך דאס דאפלט לשון 'ושבית שביו', דאס איז מרמז אז אפילו דו האסט שוין זוכה געווען צו 'ושבית', וואס דאס איז תשובה שלימה, דאך דארפסטו נאך אלץ ווייטער בעטן פון השי"ת ער זאל דיר געבן סייעתא דשמיא אז דו זאלסט זוכה זיין צו די אמת'דיגע און ריכטיגע תשובה בתכלית השלימות[א].

---

[א] **וזל"ק** (דברי יואל, תנינא, פ' כי תצא עמ' רל"ג): **עוד אפ"ל בביאור דברי הספרי הנ"ל, בהקדם לבאר עוד כמה דקדוקים. כי תצא למלחמה על אויביך וגו', יש לדקדק למה אמר כי תצא למלחמה וגו' דיותר הול"ל כי תלחם עם אויבך וגו'. ונתנו ה' אלקיך בידיך ושבית שביו, קשה דלכאורה כיון שנתנו ה' אלקיך בידיך, א"כ הכל כבר בידיך, ולמה אמר עוה"פ ושבית וגו'. גם קשה**

למה אמר ושבית שביו בכפל הלשון. ונראה לומר בהקדם לבאר מה שאמרו חכמינו ז"ל (מד"ר איכה פ"ה כ"א) עה"פ (איכה ה') השיבנו ה' אליך ונשובה, אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה, רבש"ע שלך הוא, השיבנו, אמר להם שלכם הוא שנאמר (זכריה ב') שובו אלי ואשובה אליכם נאום ה' ע"כ. והיינו שכנסת ישראל מבקשת שהשי"ת ישיבנו אליו תחילה ועי"ז נשוב אליו, וזהו אומרו השיבנו ה' אליך, ועי"ז ונשובה, והשי"ת אומר לישראל שובו אלי תחילה, ואח"כ ואשובה אליכם נאום ה'. וביאור הענין דהנה באמת ישנם ב' הבחינות בתשובה, שמתחילה צריך האדם להתעורר מעצמו עכ"פ במעט לשוב אליו ית"ש, וכאשר האדם עושה התחלה זו אז מעוררים אותו הרבה מלמעלה שיוכל לשוב בתשובה אמיתית, ושוב כאשר הוא מקבל השפעה מלמעלה אז האדם מוסיף והולך מעצמו בבחינת התשובה שלימה. וכן מבואר בדברי העקידה (שער צ"ד) וז"ל דהנה ענין התשובה כך הוא שיתעורר אדם עליו מהכח הכולל הנתון בו בשעת הבריאה, כמו שאמרו ז"ל (פסחים נ"ד ע"א) שהתשובה היא מהדברים שקדמו לעולם, ואחר התעוררותו מחזיקין ידיו מלמעלה, וכל עוד שיתחזק עוד משלימין ענינו בה, והוא דבר שנתבאר מאד בפרשת התשובה כי שם נאמר ראשונה (דברים ל') והשבות אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ה' אלקיך שמה ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו, ואחר נאמר ושב ה' אלקיך אלקיך את שבותך וגו', ואחר נאמר ואתה תשוב ושמעת וגו' עיי"ש. וזה כוונת אמרם ז"ל (שהש"ר פ"ה ג') פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם, דמתחילה צריך האדם לפתוח הפתח, ואמנם כשהתחיל בהתעוררות עצמו הרי אף שהוא מעט מאד כפתחו של מחט, הוא זוכה לקבל השפעה גדולה מלמעלה כפתחו של אולם, ואז הוא צריך להשתמש באותו פתח גדול להיות מוסיף והולך בכוחות עצמו להגיע אל המדריגה העליונה בתשובה. ואכן כן היה אצל ישראל במצרים, דהנה אף שאמר להם השי"ת (שמות י"ב) משכו וקחו לכם וגו', משכו ידיכם מע"ז וקחו לכם צאן של מצוה (שמ"ר פט"ז ב'), והיינו ששבו אל השי"ת ומשכו ידיהם מהעבודה זרה, עכ"ז היתה זו רק תשובה במקצת, וכדאיתא בספרים (האריז"ל בליקו"ת פ' וירא) דמה שלא יכלו להתמהמה כי כמעט שהיו נשקעים בנ' שערי טומאה ח"ו עד שלא היו יכולים עוד לצאת משם, אמנם כיון שכבר התחילו בתשובה זכו בליל פסח וגם אצל היום למדריגות גדולות ונשגבות, עד שאמרו חכמינו ז"ל (יל"ש רמז רמ"ד) שראתה שפחה בים מה שלא ראה יחזקאל בנבואה, אלא שאח"כ הוזקקו לעבוד מעצמם בימי הספירה

- ג -

**אויב האסטו דעם נסיון, איז זיכער אז דו קענסט דאס ביישטיין!**

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ** (כא, י)

אויב דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דער אויבערשטער

וועט אים איבערגעבן אין דיינע הענט, און דו וועסט פאנגען א געפענגעניש פון אים

**הרה"ק רבי לייבעלע אייגער זי"ע שטעלט זיך אויף דעם וואס די סדרה הויבט זיך אן 'כי תצא למלחמה על אויבך', וואס דאס איז דאך לכאורה נישט קיין גוטע זאך, ווייל**

---

ולהתכונן לקבלת התורה שאז שוב זכו למדריגות אלו מכח עבודתם וכו'. ובזה נבא לביאור הפסוק כי תצא למלחה על אויביך וגו', דהנה כבר כתבו המפרשים שפסוק זה רומז על ענין מלחמת היצר, ולפי"ז אפשר לומר בכוונת הפסוק שאמר כי תצא למלחמה אל אויביך וגו', ולא אמר כי תלחם (קושיא ב') שרוצה לומר דאף כשיעשה האדם רק התחלה קטנה שהיא כמו יציאה למלחמה ולא המלחמה עצמה, והיינו שיתעורר בתשובה במקצת בבחינת פתחו לי פתח כחודו של מחט, אז יזכה שתהיה ונתנו ה' אלקיך בידיך לעורר אותו משמים בבחינת פתחו של אולם, ושוב אח"כ יצטרך להתשמש באותו השפעה משמים להגיע לתשובה שלימה, וזהו אומרו ושבית שביו, דהיינו שע"י ההשפעה שמקבל מן השמים יוכל לשוב בתשובה שלימה. אולם האמת הוא שגם אח"כ כשהאדם כבר זוכה לעזר משמים ומשתמש בה להגיע לבחינת התשובה האמיתית, הרי עדיין הוא זקוק תמיד לסייעתא דשמיא, כי אלמלא השי"ת עוזרו אינו יכול לו (קידושין ל' ע"ב). וזהו שרמזו בספרי אם תעשה כל האמור בענין סוף שנתנו ה' אלקיך בידך, היינו שאמר שיעשה כל האמור בענין, ויגיע כבר לבחינת ושבית וגו' שהוא התשובה האמיתית שזכה לה ע"י העזר שקיבל ממרום, הרי רק אז יזכה שסוף שנתנו ה' אלקיך בידך, ועי"ז יוכל להתגבר בשלימות על היצה"ר. וזהו רמוז ושבית שביו בכפל הלשון, שגם אחר שזוכה לבחינת ושבית וגו' שהוא התשובה הגדולה, הרי אז הוא צריך עוד לבקש רחמים על סייעתא דשמיא שיזכה להגיע אל התשובה האמיתית.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

יעדע מלחמה איז דאך א ספק צי מען זיגן אדער מען וועט ח"ו ווערן באזיגט, און עס איז דאך באקאנט אז די תורה איז מקפיד אנצוהייבן נאר מיט א גוטע זאך.

נאר וואס דען, דא איז אונז די תורה גלייך מבטיח אז 'ונתנו ה' אלקיך בידך', ממילא קומט אוים אז עס איז יא א גוטע זאך.

דאס איז גלייך צו א קעניג וואס שיקט ארויס זיין 'בן יחיד' צו פירן א מלחמה, וואס דעמאלטס איז דאך זיכער אז דער קעניג האט נישט ביי זיך קיין שום ספק - לויט זיין חכמה און זיינע ידיעות אין תכסיסי מלחמה - אז זיין זון קען בודאי זיגן דעם מלחמה, און טאקע דערפאר שיקט ער דוקא אהין זיין איינציגסטע קינד, כדי עס זאל זיין פאר אים א כבוד און א לויב ווען ער וועט געווינען די מלחמה.

די זעלבע זאגט אונז דא דער פסוק - וואס די מפרשים זאגן אז דאס איז מרמז אויפן 'מלחמת היצר' - '**כי תצא למלחמה על אויבך**', אויב עס וועט זיך דיר מאכן א מלחמה מיטן יצה"ר, און עס וועט דיר אונטערקומען סיי-וועלכע נסיון, ווי שווער עס זאל דיר נאר אויסזען, זאלסטו וויסן קלאר אז '**ונתנו ה' אלקיך בידך**', דו האסט זיכער די מעגליכקייט און די כוחות צו געווינען די מלחמה, ווייל אויב וואלט געווען אפילו נאר א ספק ספיקא צי דו קענסט זיגן אין די מלחמה, וואלט השי"ת קיינמאל דיר - זיין איינציגסטע קינד - נישט געשיקט צו א פלאץ פון א ספק סכנה ח"ו[ב].

---

[ב] וזל"ק (תורת אמת): כי תצא למלחמה על אויבך ונתנו ה' אלקיך בידך. יש להבין התחלת הסדרה הזו בענין הנראה ללא טוב, לצאת למלחמה על אויב, שכל מלחמה בספק לנצח או להנצח, אמנם כאן מבטיח הפסוק תיכף ונתנו ה' אלקיך בידך, כי הוא כמשל המלך כששולח את בנו יחידו להנהיג איזה מלחמה, בוודאי אין שום ספק בדבר להמלך עפ"י ידיעתו בסתרי תכסיסי המלחמה שבוודאי ינצח אותה, ולכן שולח במכוון את בנו אהובו למען יהיה לו

## - ד -

**ווארט נישט ביז דו שטייסט שוין פנים אל פנים קעגן דעם שונא!**

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ** (כא, י)

**אויב דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דער אויבערשטער**

**וועט אים איבערגעבן אין דיינע הענט, און דו וועסט פאנגען א געפענגעניש פון אים**

**הרה"ק רבי לייבעלע אייגער זי"ע זאגט:** אונזער פרשה איז די זעקסטע סדרה פון סדר דברים, וואס דאס איז מרמז אויפן 'מדת היסוד', וואס די מדה איז דאך דער פונדאמענט און די שורש פון די שלימות און די קדושה פון יעדן איד. אבער וויבאלד די מדה איז אזא שטארקע און וויכטיגע שורש, איז 'זה לעומת זה' פארהאן אויף די וועלט גאר שטארקע כוחות און שווערע נסיונות וועלכע ציען דעם מענטש אויף פארקערט ח"ו.

דעריבער ווען עס קומט די מלחמת היצר פון אט דער מדה, דארף א מענטש זיך שטארקן און ארויסגיין אויף א מלחמה נאך בעפאר די נסיונות קומען אונטער. דערפאר זאגט דא דער פסוק דאס לשון **'כי תצא למלחמה אל אויבך'** - דו דארפסט 'ארויסגיין' מלחמה האלטן מיטן שונא בעפאר ער קומט צו דיר. אנדערש ווי עס שטייט אין פרשת בהעלותך (במדבר י ט) **'וכי תבאו מלחמה בארצכם'** - אז ווען דער שונא וועט שוין זיי ביי דיר דעמאלטס זאלסטו זיך נעמען מלחמה האלטן מיט אים, ווייל ווען

---

לתהלה ולשם ולתפארת. וכן ענין סדרה הזו, כי תצא למלחמה על אויביך, היינו כשיזדמן לך ענין מלחמה, תדע כי בוודאי ונתנו וגו', כי אם היה איזה ספק ביכולת הניצוח, בוודאי לא היה הממ"ה הקב"ה שולח אותך בנו יחידו לספק סכנה ח"ו.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

עס קומט צו די מלחמה פונעם מדת היסוד דארף דער מענטש אנהייבן זיך צו שטארקן און מלחמה האלטן נאך בעפער דער יצר הרע קומט אן.

דאס איז טאקע דער ענין וואס השי"ת האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה, וואס די מצוה איז תיכף ווען א איד ווערט געבוירן, נאך בעפאר דער יצר הרע פאנגט בכלל אן זיך מתגבר צו זיין, ווייל דוקא דעמאלטס דארף מען שוין איינווארצלען אינעם מענטש דעם כח הקדושה. ווייל וויבאלד די דאזיגע מדה איז די שורש און תכלית השלימות והקדושה פון א איד, דעריבער מוז מען שוין אנהייבן די דאזיגע מלחמה תיכף ווען מען ווערט געבוירן, וואס דורכדעם וועט די קדושה זיך האלטן אויפן גאנצן לעבן.

דאס זאגט דער פסוק 'כי תצא למלחמה על אויבך' - אויב וועסטו 'ארויסגיין' אין א מלחמה מיטן יצר הרע נאך בעפאר ער קומט צו דיר, און דו וועסט פרובירן מיט אלע כוחות צו איינווארצלען אין דיר די כח הקדושה פון פריער, דעמאלט ביסטו פארזיכערט אז 'ונתנו ה' אלקיך בידך' - דו וועסט זיכער האבן די כוחות אין די מעגליכקייט אים צו געווינען און זיך שטאקן אויף אלע נסיונות, ווייל עס איז נישט מעגליך אז השי"ת זאל ברענגן א נסיון אויף א מענטש אויב ער האט נישט די מעגליכקייט עס צו ביישטיין, ווי אויבנדערמאנט (אינעם פריערדיגן אות).

אויך די גאנצע סדרה ווייטער איז ממשיך מיטן ענין פון מדת היסוד, אזויווי דער פסוק (כא, יא) זאגט ווייטער 'וראית בשביה אשת יפת תואר', וואס דעמאלטס געבט די תורה אן עצה און א שטארקייט פארן מענטש וויאזוי פטור צו ווערן פון דעם. אזוי אויך ווייזט די תורה אָן וויאזוי זיך צו פירן בקדושה בשעת א מלחמה. און ווייטער זאגט דער פסוק (כג, יא) אז אויב חלילה 'כי יהיה בך איש אשר לו יהיה טהור', איז

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

נאך אלץ דא עצות ווי אזוי ער קען זיך נאכדעם הייליגן און ריינִיגן, און אזוי ווייטער איז די גאנצע סדרה מרמז אויף דעם ענין.

ביז צום סוף סדרה שטייט (כה, יז): 'זכור את אשר עשה לך עמלק', דאס מיינט צו זאגן, אז אפילו אויב עמלק - וואס ער איז דאך דער היפך פון די קדושת היסוד - האט חלילה מצליח געווען זיך מתגבר צו זיין אויף דיר, און דעריבער שטייט 'עשה לך' בלשון יחיד, ווייל עס גייט ארויף אויף די פרטיות'דיגע מענטשן וואס זענען ליידער פארכאפט געווארן אינעם נעץ פון עמלק, זאגט דער פסוק אז פונדעסטוועגן זאלסטו זיך בשום אופן נישט מייאש זיין, ווייל השי"ת כביכול טראכט כסדר עצות 'לבל ידח ממנו נדח', און וויאזוי צוריקצוכאפן אלעם וואס עמלק האט צוגענומען, און דאס פירט דער פסוק אויס 'והיה בהניח ה' אלקיך לך מכל אויבך וגו' תמחה את זכר עמלק מתחת השמים'[ג].

---

[ג] וזל"ק (תורת אמת, בהמשך להדיבור הקודם): והנה הסדרה הזאת הוא הששית שבס' דברים, ורומזת על מדת היסוד שהוא יסוד ושרש כל הקדושות, ומפני שהוא שרש כל שלימות קדושת האדם, לכן נמצא בענין זה דייקא לעומת זה כל מיני ההיפוך ח"ו, אשר לזה צריך האדם לאזור כגבר חלציו ולצאת למלחמה קודם שיבא נגדו התחלת ההיפוך ח"ו, וזה נאמר כאן כי תצא למלחמה על אויביך, ובפ' בהעלותך נאמר וכי תבואו מלחמה בארצכם וגו', שמשמעו כשיבוא הוא לנגדך את תלחום בו, וכאן נאמר כי תצא, שמשמעו שתהיה אתה המתחיל מקודם, וכן הוא בענין קדושה זו גם בפועל המצות מילה, אשר המצוה דייקא תיכף בלדת התינוק, עוד בטרם יתחיל בו הרגש שום תאוה בזה, אז דייקא ימול בשר ערלתו ולהוציא דמו, כדי להשריש בנפשו קדושה זו, והוא כדברינו הנ"ל, מפני שהוא יסוד ושרש הכל, ולעומת זה בהיפוך ח"ו, לכן בהכרח להקדים למלחמה הזאת תיכף בלדת האדם, שעל ידי זה יהיה בו קיום קדושה הזאת כל ימיו, וזהו כי תצא וגו' ונתנו ה' אלקיך בידך. ועל ענין זה נסדר כל הסדרה, כי מיד נאמר ענין יפ"ת וראית בשביה, והתוה"ק נותנת עצה וגבורה למלחמה אם בא לנגד עיני האדם כזאת איך למאס זאת, וכן נסדר בכל הסדרה איך למלט על נפשו בכל עניני המלחמה

## - ה -

### דער וועג צו באזיגן דעם יצר הרע: דורך אחדות און צדקה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ** (כא, י)

אויב דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דער אויבערשטער

וועט אים איבערגעבן אין דיינע הענט, און דו וועסט פאנגען א געפענגעניש פון אים

דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע זאגט: דער 'צירוף' פונעם שם הוי"ה וואס לייכט אין חודש אלול איז, די סופי תיבות פון דעם פסוק (דברים ו, כה): "וצדק'ה תהי'ה לנ'ו כ'י נשמור לעשות את כל המצוה הזאת" [עס וועט פאררעכנט ווערן ווי א צדקה פאר אונז – דאס אז מיר ווען אפהיטן צו טון די אלע מצוות]. די טיפע כוונה דערפון איז, אז אלע גוטע מעשים וואס מיר טוען אין דעם חודש, וואס מיר פאררעכטן אונזערע מעשים און מיר טוען תשובה – דאס אלעס איז באמת א 'צדקה' פונעם אויבערשטן, ווייל מיר אליין האבן נישט קיין שום אייגענעם כח צו טון מצוות און מעשים טובים, נאר דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אונז, און ער געבט אונז א מתנת חינם, אז מיר זאלן קענען תשובה טון, און טון גוטע מעשים.

כדי צו מעורר זיין אט די 'צדקה' פונעם אויבערשטן, אז דער באשעפער זאל טון מיט אונז א חסד, און אונז געבן די זכיה זיך אומצוקערן צו אים – דארפן מיר זיך פירן מיט

---

בזה, ואף אם חלילה כי יהיה בך איש וגו', יש עוד גם כן עצות איך לקדש ולטהר נפשו, עד שבסוף הסדרה נאמר זכור את אשר עשה לך עמלק, אשר גם אם חלילה היה התגברות לבחי' עמלק המנגד לקדושה זו, וכנאמר אשר עשה לך, היינו פרטי אנשים שח"ו נתפשו ברשתו, עכ"ז לא יתייאשו, כי השי"ת חושב עצות לבלתי ידח ממנו נדח ולהוציא בלעו מפיו, כש"נ והיה בהניח ה' אלקיך לך מכל אויבך מסביב וגו' תמחה את זכר עמלק מתחת השמים וגו'.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

## כי תצא

דער מידה פון צדקה אויף דער וועלט, אז מיר זאלן טון צדקה און גמילות חסד פאר אנדערע אידן, און זיי ארויסהעלפן צו דינען דעם אויבערשטן, דאן וועלן מיר זוכה זיין אז דער אויבערשטער זאל אויך טון צדקה מיט אונז, און אונז געבן כח זידצו שטארקן אויפן יצר הרע.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ" - אויב דו וועסט ארויסגיין אויף א מלחמה מיט דעם יצר הרע, און דער פסוק דרוקט זיך אויס מיט א לשון יחיד, צו מרמז זיין אז גאנץ כלל ישראל וועט זיין פאראייניגט מיט אן אחדות און א שלום, און זיי וועלן ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן, מיט צדקה און גמילות חסדים, דאן וועט זיין: "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ" - דער אויבערשטער וועט אים איבערגעבן אין דיינע הענט, און דו וועסט זוכה זיין צו באזיגן דעם יצר הרע, ווייל אויב דו וועסט טון צדקה מיט אנדערע, וועט דער אויבערשטער אויך טון צדקה מיט דיר, און ער וועט דיר געבן די כוחות בייצוקומען דעם יצר הרע[ד].

---

[ד] וזל"ק (עבודת עבודה, פר' תצא, א): ולכן צירוף השם של חודש אלול, יוצא מסופי תיבות של הפסוק (דברים ו, כה) וצדק'ה תהי'ה לנ'ו כ'י נשמור לעשות את כל המצוה הזאת. כי כאשר אנו מתקנים מעשינו ושבים אל ה' בחודש הזה, עלינו לזכור, כי כל מה שאנו זוכים לפעול, לשמור לעשות את כל המצוה הזאת, הכל היא צדקה מאת ה'. וכן פותחים סדר הסליחות בפסוק, לך אדני הצדקה ולנו בושת הפנים, שאנו מודים לפניו יתברך, כי כל מה שזכינו לעשות לכבוד ה', הכל צדקה היא מאת ה', ולנו בושת הפנים, כי אין לנו שום כח מעצמנו. וכדי לעורר מדת צדקה זו של הקב"ה, צריך להתנהג כן בעוה"ז, שהוא יעשה צדקה וחסד עם בני ישראל, להדריכם בדרך ה'. ולפי"ז יל"פ עוד, 'כי תצא למלחמה על אויביך', בלשון יחיד, שכאשר תהיה אחדות ושלום בין בני ישראל, ואחד יעזור את חבירו, אזי 'ונתנו ה' אלהיך בידך', שתזכה לנצח את כח היצר, דכיון שהוא יעשה צדקה עם אחרים, יעשה הקב"ה גם עמו צדקה.

- ן -

**אז דו וועסט נאכגעבן א קלייניקייט פארן יצר הרע,**

**קענסטו אנקומען צו די ערגסטע עבירות!**

**וּרְגָמֻהוּ כָּל אַנְשֵׁי עִירוֹ בָאֲבָנִים וָמֵת וּבִעַרְתָּ הָרָע**
**מִקִּרְבֶּךָ וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ (כא, כא)**

און אלע מענטשן פון דעם שטאט זאלן פארשטיינערן דעם 'בן סורר ומורה' [-א קינד וואס איז א פרעסער און א זויפער, וואס פאלגט נישט זיין טאטע און מאמע] מיט שטיינער, און ער זאל שטארבן, און דו זאלסט אויסרוימען די שלעכטס פון דיר, און אלע אידן זאלן הערן און זיי זאלן מורא האבן [זיך צו אויפפירן אזוי]

חז"ל זאגן (סנהדרין עא:), אז דער 'בן סורר ומורה' ווערט גע'הרג'עט צוליב זיין סוף, ווייל כאטש וואס יעצט טוט ער נאכנישט אזעלכע געפערליכע זאכן, אבער דער אויבערשטער האט געוואוסט אז מיט אזא אויפפירונג וועט ער צוקומען צו הרג'ענען מענטשן.

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע זאגט: מען זעט דערפון, אז יעדער זאך וואס א מענטש טוט, דארף ער דאס אפוועגן לויט דעם סוף, ער דארף זיך דורכטראכטן "וואס וועט ארויסקומען דערפון צום סוף?".

דער ענין איז גאר וויכטיג פאר יעדן מענטש צו האלטן שטענדיג פאר די אויגן. און ער זאל זיך מתבונן זיין מיט יעדע פעולה וואס ער טוט, וואס עס קען ארויסקומען דערפון צום סוף, ווייל חז"ל זאגן (שבת קה:), אז דער סדר פונעם יצר הרע איז, אז צום ערשט רעדט ער איין דעם מענטש צו טון א קליינע עבירה, און צום סוף רעדט ער אים איין

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

צו גרעסערע עבירות ביז ער ברענגט אים חס ושלום צו דינען עבודה זרה, און אויב א מענטש וועט זיך נישט גוט אפהיטן און זיך אכטונג געבן אין אנהייב, נישט נאכצוגעבן פארן יצר הרע מיט קליינטשיגע ענינים, וועט ער חלילה קענען אריינגעצויגן ווערן אינעם נעץ פונעם בעל דבר, און ער קען צוקומען צו די ערגסטע, און פארלוירן ווערן פון ביידע וועלטן רחמנא ליצלן.

א מענטש זאל נישט זאגן "וואס וועט שוין זיין אז איך וועל זיך בייגן א טראפ צום יצר הרע? ס'איז דאך ממש א קלייניקייט?!" ווייל מען זעט דא ביים 'בן סורר ומורה' אז ס'איז נישט אזוי; אין דער מינוט וואס א מענטש לאזט זיך נאך, און ער איז זיך מקיל צו פאלגן דעם יצר הרע, אפילו מיט קליינע זאכן, איז ער שוין נישט פארזיכערט אז ער וועט נישט אנקומען צו הארבע עבירות, אזויווי מען זעט דא, אז דער אויבערשטער האט געהייסן, אז מען זאל הרג'ענען דעם 'בן סורר ומורה' ווייל צום סוף וועלן זיינע קליינע עבירות ברענגען געפערליכע תוצאות.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "וכל ישראל ישמעו וייראו" - אז יעדער איד דארף זיך מתבונן זיין אין דעם ענין פון דעם 'בן סורר ומורה' און זיך אפלערנען דערפון וואספארא ווייטגרייכנדע תוצאות יעדע קליינע פעולה קען האבן, און יעדער איד דארף שטארק ציטערן דערפון, און זיך אלעמאל זארגן אז זיינע מעשים זאלן נישט צוברענגען צו גרויסע עבירות. ווייל אפילו אויב וויל ער נישט אין אנהויב עובר זיין אויף די תורה, אבער אויב איז ער זיך נישט גלייך מתגבר אויפן יצר, וועט ער זיך קייקלען טיפער און טיפער חס ושלום.

אזוי קען מען זען בחוש מיט די אלע פירצות פון אונזער דור, וואס ליידער האבן מיר דערגרייכט צו א נידריגן מצב, און דער גורם פון די אלע פירצות איז דאס וואס מען

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

האט זיך אנגעהויבן אוועקצובייגן א קליין ביסל פון דעם אמת'ן וועג, און מען האט אנגעהויבן האבן אביסל שייכות צו די וועגן פון די רשעים און די גויים, און מ'האט פרובירט זיך צו געפעלן צו זיי, און דאס ברענגט ליידער שרעקליכע קאנסקווענצן. דער אויבערשטער זאל אונז אפהיטן[ה].

---

[ה] וזל"ק (דברי יואל, תניינא, עמ' רנו): והמורם מדברינו שכל דין הבן סורר ומורה תלוי במה שאמרו שהוא נידון על שם סופו, ונמצא שכאן גילה לנו התוה"ק ענין זה שצריכים לדון בכל דבר משעת התחלתו על שם סופו. ודבר זה הוא ענין גדול ונחוץ בכל דרכי האדם, שצריך האדם לפקח על סוף כל דבר בקדמותו, ובכל מעשיו ועניניו צריך להתבונן במחשבה תחלה בראשיתן של דברים מה שיוכל לצאת מהן בסופן, דהנה אמרו ז"ל (שבת ק"ה ע"ב), שכך דרכו של יצר הרע היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד שיאמר לו לך עבוד עבודה זרה, ולמדוהו חכז"ל מן הכתוב מושכי העון בחבלי שוא וכעבות העגלה חטאה, דאם אין האדם זהיר ונשמר היטב ומתחיל בתחלה לנטות ולעשות פשרות אף רק בדברים קטנים אזי אח"כ ענין אחד מביא את חבירו וככה נמשך מן הקל אל החמור עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה, ודבר זה יש ללמוד מפרשת בן סורר ומורה, שאם מתחילין לנטות מן הדרך אף רק בדברים קטנים זה מוליכו שולל עד קצה האחרון ומשעת התחלתו כבר נתחייב והוא נהרג ע"ש סופו, ולמידין מזה שאין לו לאדם לומר וכי מה בכך לנטות איזה נטיה קלה הלא הוא רק דבר קטן ולמה הוא נחשב, כי הרי אצל בן סורר ומורה חזינן דלא כן הוא אלא אם מניח האדם את עצמו להיות נמשך אחרי יצרו ומקיל לעצמו אף בדברים קטנים אין מי שיערב לו שלא יבוא בסופו לידי עון החמור, וכמו שרואין שהקב"ה יורד לסוף דעתו עוד משעת ההתחלה. וז"ש וכל ישראל ישמעו שצריך כל אדם ללמוד מזה עד היכן הדברים מגיעים והוא פחד גדול לכל איש ישראל שכל אחד צריך לפחוד מזה ולדון בכל דבר ע"ש סופו, שכל דבר קטן אם אין כובשים את היצר בתחלה אף שמתחילה אינו רוצה לעבור חלילה על כל התורה מ"מ כך הוא דרכו של יצה"ר היום אומר לו עשה כך וכו' וענין אחד מביא את חבירו ובהמשך הזמן מתדרדר ממדריגה למדריגה והפגם הולך למרחוק וא"א כבר להפטר ממנה עוד, וכמו שרואין בחוש בעוה"ר עד כמה הגיעו פירצות הדור שפירצה אחת גרמה לחבירתה, וכמו"כ צריכין

- ז -

## די מצוה אליין איז אסאך טייערער ווי די גאנצע שכר!

כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ (כב, ח)

ווען דו וועסט בויען א נייע הויז, זאלסטו מאכן א צוים פאר דיין דאך

דער מדרש זאגט (דברים רבה, ו, ג), אויפן פסוק (משלי א, ט): ״כִּי לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ״, אז די מצוות זענען א באגלייטונג פון ׳חן׳, ווייל אין יעדן פלאץ, צייט, און מצב וואו א מענטש געפינט זיך, איז פאראן דארט א מצוה וואס ער דארף טון אין דער מינוט, ווי למשל, אויב א מענטש בויעט א הויז, דארף ער בויען א צוים; אויב מאכט ער א טיר, דארף ער לייגן א מזוזה; אויב טוט ער אן א קלייד, דארף ער זיך אפהיטן פון שעטנז; און אזוי ווייטער, קומט אויס, אז די מצוות ׳באגלייטן׳ דעם מענטש אלעמאל, דעריבער ווערן די מצוות אנגערופן ״לוית חן״, וואס איז א לשון פון ׳באגלייטן׳.

דער הייליגער **שפת אמת** זי״ע לייגט צו א טיפערער דערהער אויף דעם, אז ׳חן׳ איז מרמז אויף דער שורש פון יעדער זאך, דאס איז די פנימיות׳דיגע גוטע פינטעלע וואס איז באהאלטן אין יעדע גשמיות׳דיגע זאך פון דער וועלט, און דורכדעם וואס מען טוט מצוות מיט די גשמיות׳דיגע זאכן פון דער וועלט, דערהייבט מען אלע חפצים צו זייער שורש, אלעס ווערט באהאפטן צו דעם געטליכן ׳חן׳. דאס איז די

---

להתבונן היטב ולירד לסוף דעתן להבין דהגרם לכל פירצות הדור הוא מה שמתחילין לנטות קצת מדרך האמת ולהשתייך לדרכי האומות ודרכי הרשעים ולמצוא חן בעיניהם דקצת התחברות עם ההולכים בדרך לא טובה מוליך הלאה עד למרחוק.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

כוונה פון דעם פסוק: "כִּי לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ", אז די מצוות באגלייטן ("לוית") דעם מענטש ביי אלע גשמיות'דיגע ענינים וואס ער טוט, און דורכדעם ווערן זיי דערהויבן צו זייער שורש און זייער שפיץ ("לראשך"), וואס דאס איז 'חן'.

קומט אויס, אז דער תכלית פון אלע מצוות איז, זיך צו מדבק זיין אין שורש, און יעדע איינציגע מצוה טוט א געוויסע אויפטוה אויף דעם הארץ פונעם מענטש, און דורכדעם ווערט מען דערהויבן צו ווערן נאנט צום אויבערשטן, און צוריקצוגיין צו זיין שורש. דעריבער דארף א מענטש זיך אנשטרענגען צו טון **אלע** מצוות, נישט קיין חילוק צווישן א קליינע מצוה און א גרויסע מצוה, ווייל כדי דער מענטש זאל טאקע ארויפברענגען אלע זיינע מעשים צו זייער שורש, דארף מען האבן דוקא אלע מצוות. און כאטש וואס אויף די גרויסע מצוות באקומט מען מער שכר און אויף די קליינע מצוות באקומט מען ווייניגער שכר, זאל מען אבער נישט מאכן קיין אונטערשיד צווישן זיי, צו טון נאר די גרויסע מצוות, ווייל אט דער תכלית פון יעדע מצוה - אויסצוגלייכן דעם הארץ צום באשעפער, דאס איז עטליכע מאל בעסער ווי די גאנצע שכר, און אט דער תכלית פארדינט מען פון סיי-וועלכע מצוה מען טוט נאר, אפילו פון א קליינע מצוה. נאר דער אויבערשטער איז א גוטער, און אויסערדעם וואס די מצוות אליין זענען גאר גוט, באצאלט ער נאך אויך שכר אויף די מצוות, אבער באמת איז די ווערד פון די מצוות אליין אומשאצבאר, אפגעזען וויפיל שכר מען באקומט דערויף[1].

[1] וזל"ק (שפת אמת שנת תר"מ): במדרש (דב"ר ו, ג) כי לוית חן הם כו' (משלי א ט). חן הוא השורש של כל דבר והוא עיקר נקודת הטוב שנמצא בכל דבר שעל זה נאמר (בראשית א לא) וירא אלקים כו' כל אשר עשה והנה טוב. והוא בחינת השבת רמז לדבר ונח מצא חן (שם ו ח). ובימי

## - ח -

### דורך ענוה ווערט מען באשיצט פון אלע מקטרגים!

גְּדִלִים תַּעֲשֶׂה לָּךְ עַל אַרְבַּע כַּנְפוֹת כְּסוּתְךָ אֲשֶׁר תְּכַסֶּה בָּהּ (כב, יב)

דו זאלסט מאכן ציצית פאר דיר, אויף די פיר עקן

פון דיין קלייד וואס דו דעקסט זיך צו דערמיט

דער הייליגער בן איש חי זי"ע ערקלערט: די מידה פון גאווה געפינט זיך הויפטזעכליך אין דריי ערטער פונעם מענטש: אין דעם 'קאפ', אין די אויגן, און אין דעם 'הארץ'. די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער (ר'אש, ע'ינים, ל'ב) איז: רע"ל, וואס דאס מיינט: א גיפט, ווייל אין די דריי איברים איז אנגעהאנגען די ביטערע גיפט פון גאוה וואס איז ערגער פון אלע עבירות.

דעריבער איז די עצה פאר יעדן מענטש, אז ער זאל אלעמאל זען זיך צו היטן פון גאוה אין די דריי איברים, און זיך האלטן נידריג אין די דריי, און דאן וועט די ענוה זיך

---

המעשה יש עצות על ידי המצוות איך להעלות כל מעשה לדבקה בשורשה, וזה שכתוב לוית חן הם לראשך לדבק כל דבר בראשיתו, ועל ידי זה יש עוד יתרון, וזה שכתוב וענקים כו'. ובזה יתפרש המשך המדרש (דב"ר ו, ב) בפסוק (משלי ה ו) אורח חיים פן תפלס כו' ומשל הפרדס. כי תכלית המצות להתדבק בשורש ולזה צריכין כל המצות כמו שאיתא במדרש תנחומא (כי תצא ב) על פסוק (משלי ד כג) מכל משמר נצור לבך כי ממנו תוצאות חיים, פירוש מזה הכלל דוקא, שנשאר בלב רושם מכל מצוה, וממנו תוצאות חיים. ולכן אין נפקא מינה בין קלה לחמורה אם כי שכרה מרובה, אבל תכלית המצוה ליישר הלב, וזה עולה כמה פעמים יותר מכל השכר, רק השם יתברך משלם שכר גם על המצות שעצמותן טוב מאוד יותר מכל השכר, ועל זה נאמר (שה"ש ה טז) חכו ממתקים כדאיתא במדרש בכמה מקומות.

פארשפרייטן אויך אין אלע אנדערע איברים, און ער וועט זוכה זיין צו א שלימות'דיגע ענוה.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "גְּדִלִים תַּעֲשֶׂה לָּךְ", דאס ווארט "גדלים" איז צוזאמגעשטעלט פון די ווערטער 'ג' דלים', דאס מיינט, דריי ארעמע, דאס איז מרמז, אז דו זאלסט זיך האלטן נידריג און ארעם אין די אויבנדערמאנטע דריי איברים, וואס דארט איז דער שורש פון גאוה. און דורכדעם וועט זיין: "עַל אַרְבַּע כַּנְפוֹת" - די ענוה וועט זיך צעשפרייטן אויף אלע דיינע פיר זייטן, ווייל דאס וועט דיר אינגאנצן ארומנעמען, "כְּסוּתְךָ אֲשֶׁר תְּכַסֶּה בָּהּ" - און די מידה פון ענוה וועט דינען ווי א קלייד פאר דיר, וואס דערמיט וועסטו זיך באשיצן קעגן אלע מקטרגים, ווייל אויף אן עניו, זענען נישט דא קיין מקטרגים[י].

---

[י] וזל"ק (בן איש חי, דרשות): גדלים תעשה לך על ארבע כנפות כסותך אשר תכסה בה. נ"ל בס"ד דידוע משכן הגאוה היא בשלשה איברים שהם הראש והעינים והלב. וכתבו המפרשים ז"ל לזה אמר דוד הע"ה ה' לא גבה לבי הרי לב ולא רמו עיני הרי עינים ולא הלכתי בגדולות ובנפלאות זו גאוה שבראש, ונקטינהו מתתא לעילא כסדר האברים. ואמרתי ר"ת שלשה איברים אלו רע"ל כי בהם דבוק רעל של הגאוה הקשה מכל עונות, ולכן העצה לאדם הוא שתמיד יראה ג' איברים אלו דלים ואם יהיו אלו דלים שאין בהם גאוה אז מתפשטת הענוה בכל האברים ויהיו כלם דלים. וז"ש גדלים תעשה לך חלק תיבת גדלים וקרי בה ג' דלים ר"ל תעשה לך ג' אברים שהם משכן הגאוה דלים ואז מן אלו השלשה תתפשט הענוה על ארבע כנפות שלך שתהיה מקפת אותך, וזאת המדה של הענוה תהיה כסותך אשר תכסה בה מן המקטרגים כי העניו אין עליו מקטרגים.

# - ט -

## וויאזוי איז מען זיך מחזק אין נידריגע מצבים??

**וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ וְהָיָה בְּשִׁבְתְּךָ חוּץ**
**וְחָפַרְתָּה בָהּ וְשַׁבְתָּ וְכִסִּיתָ אֶת צֵאָתֶךָ** (כג, יד)

**און דו זאלסט האבן א נאגל מיט דיר, אויסער דיינע אנדערע געצייג, און ווען דו וועסט זיצן אינדרויסן, זאלסטו גראבן מיט דעם אין דער ערד, און דערנאך זאלסטו צודעקן דיין צואה**

דער הייליגער דגל מחנה אפרים זי"ע ערקלערט, אז די כוונה פונעם פסוק איז: "וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ" - יעדעס ביסל תורה און מוסר וואס דו האסט אמאל געהערט מיט דיין אויער ("אזנך" איז א לשון פון אן אויער) זאל זיין ארייגעשטעקט אין דיין הארץ - אז דו זאלסט אריינברענגען די אלע דיבורים טיף אין דיין הארץ, "וְהָיָה בְּשִׁבְתְּךָ חוּץ" - דורכדעם וועט זיין, אז אויב דו וועסט אמאל חס ושלום ארויסגיין פון די וועגן פון די קדושה, דו וועסט האבן א ירידה, דאן: "וְחָפַרְתָּה בָהּ" - וועסטו אריינגראבן און זיך מתבונן זיין אין די ווערטער וואס דו האסט געהערט, "וְכִסִּיתָ אֶת צֵאָתֶךָ" - און דו וועסט געפינען דערין אוצרות וואס וועלן דיר מחיה זיין, און דיר ארויסנעמען פון דיין נידריגער מצב, און דיר צוריק אריינברענגען אין די קדושה[ח].

---

[ח] וזל"ק: יתד תהיה לך על אזנך והיה בשבת' חוץ וחפרת וכסית את צאתך. י"ל הרמז בזה שיהיה יתד תקועה לך על אזנך היינו שיהא תקועה בלבך מה ששמעת איזה ד"ת ומוסר, והיה בשבת' חוץ כשתצא ח"ו לפעמים חוץ מן הקדושה אזי וחפרת ותבקע את הדברים ההם ותמצא בהם חיי רוחך להשיב את נפשך וכסית את צאתך והבן.

– י –

## די סטרא אחרא וועט נישט האבן קיין שום שליטה אויף דיר!

**כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ** (כג, טו)

**ווייל דער אויבערשטער דיין באשעפער גייט צווישן דיין מחנה,**

**דיר צו ראטעווען און איבערצוגעבן דיין פיינט פאר דיר**

הרה"ק רבי לייבעלע אייגער זי"ע שרייבט: ווען די כוחות פון די סטרא אחרא און די טומאה זענען זיך מתגבר אויפן מענטש, זענען פארהאן צוויי אופנים וויאזוי מיר באזיגן די קליפות. אין אנהויב, ווען די קליפות זענען זיך נאך מתגבר אויף אונז, און זיי ברענגען נאך אריין אין אונז זייערע שלעכטע תאוות און מידות רעות, מיט דעם אלעם געפינט זיך דער אויבערשטער מיט אונז, און ער געבט אונז כח זיך צו קענען שטארקן אויף די כוחות הרע, און נישט אריינפאלן אין זייער נעץ. און צום סוף וועלן מיר זוכה זיין אז די כוחות הקדושה וועלן זיך זייער שטארקן ביז עס וועט מער נישט איבערבלייבן קיין זכר און קיין משהו פון די קליפות, ווייל זיי וועלן גענצליך בטל ווערן, און פארלירן זייער גאנצע חיות.

אט די צוויי סארטן וועגן זענען מרומז אין דעם פסוק: "כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ" - דאס גייט ארויף, אויף אזא מצב ווען די סטרא אחרא בוזשעוועט נאך אינעם מענטש, און רעדט אים איין צו תאוות און שמוץ, מיט דעם אלעם איז אבער דער אויבערשטער דא מיט אים, און ער ראטעוועט אים, אז זיי זאלן אים חלילה נישט קענען באזיגן, און דער פסוק פירט אויס: "וְלָתֵת

**אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ"** – דאס איז מרמז, אז דערנאך וועט די סטרא אחרא ווערן גענצליך בטל ומבוטל, אן קיין שום כח און חיות, וואס דערויף ווייזט דאס לשון "לפניך", אז זיי וועלן בלייבן ליגן פאר דיר ווי א טויטער פגר, אן קיין שום חיות [און דו וועסט זיי אפילו נישט דארפן אנהאלטן אין דיין האנט, ווייל זיי וועלן נישט האבן קיין שום לעבהאפט], און דאן וועט די קדושה ווערן פארשפרייט אויף דער גאנצער וועלט, און אלע וועלן אננעמען דעם אויבערשטן פאר מלך[ט].

---

[ט] **וזל"ק** (אמרי אמת, סו"פ כי תצא): **וסוף הסידרא הזאת והיה בהניח וכו' תמחה את זכר עמלק, מורה שתתפשט הקדושה בקרבכם כ"כ עד שלא ישאר בכם שמץ מהס"א כי יהיו בטלים ומבוטלים בלי שום חיות כלל, וזהו ואני ה' אלהיכם ואין עוד היינו שלא תמצא שום כח וחיות כלל בהס"א כי תתפשט הקדושה בכל. וזהו ה' אלהיך מתהלך בקרב מחניך להצילך ולתת אויבך לפניך והיה מחניך קדוש, יורה על ב' ענינים הנ"ל אשר גם בעוד הס"א מקשקשת ומעוררת כל עניני החמדות הזרות ג"כ היא ית שוכן בקרבך להצילך ממנה, ושלא תוכל הס"א להתפשט ולנצחך ח"ו וזהו להצילך, ולתת אויבך לפניך מורה שלא יהיה להס"א שום כח וחיות כלל רק תהיה בטלה ומבוטלה לגמרי. וזהו ג"כ ענין ונתנו ה' אלהיך בידך אשר בעוד כח עמלק ימ"ש בעולם יהיה מסור בידך כמו הכלב הקשור בשלשלאות שאף כשעודנו בקיומו לא יוכל קרוב לנגוע לרעה וזהו בידך שיהא מסור בידיך, וכאשר ימחה שמו אז יהיה כפגר מובס בלי שום כח וחיות, וע"ז נאמר ולתת אויבך לפניך, רומז באמרו לפניך שלא יצטרך להיות עוד קשור ואסור בידיך רק יהא מונח לפניך כפגר מובס בלי שום כח וחיות כלל ואז תתפשט הקדושה בכל העולם, ויהי השם שלם וכסאו שלם וה' לעולם ישב כונן למשפט כסאו.**

## - יא -

### חודש אלול – דער צייט איינצוקויפן כוחות צו קענען מכניע זיין די קליפות

**כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ** (כג, טו)

**ווייל דער אויבערשטער דיין באשעפער גייט צווישן דיין מחנה,**

**דיר צו ראטעווען און איבערצוגעבן דיין פיינט פאר דיר**

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע ערקלערט, אז די פסוקים זענען מרמז אויף די יעצטיגע טעג פון פאר ראש השנה, ווייל ס'איז באקאנט, אז ראש השנה איז א טאג פון מלחמה – מען פירט א מלחמה מיט די קליפות און מען איז זיי מכניע, און צוליב דעם בלאזט מען ראש השנה מיט א שופר, פונקט ווי ביי א מלחמה האט מען געדארפט בלאזן מיט א שופר (זע זוהר חדש בראשית יד:). צוליב דעם האט אונז דער אויבערשטער געגעבן א חודש אלול פאר ראש השנה, אז מיר זאלן זיך אנגרייטן אין דעם חודש, און זיך אפהיטן פון שלעכטס, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו א סייעתא דשמיא, אז אום ראש השנה זאלן די קליפות בטל ווערן פאר אונז.

אט די מלחמה איז מרומז אין דעם פסוק, דעריבער איז די ראשי תיבות פון די ווערטער ל'הצילך ו'לתת א'ויבך ל'פניך" – אלו"ל, ווייל אום חודש אלול מאכן מיר א הכנה, אז מיר זאלן קענען ארייננעמען אין זיך די השראת השכינה, וואס וועט אונז העלפן אין דער מלחמה וואס שפילט זיך אפ יעדן ראש השנה.

לויט וויפיל די אידן גרייטן זיך אן אין דעם חודש תשובה צו טון, און זיך אומצוקערן צום אויבערשטן, אזויפיל איז דער אויבערשטער מגלה די ליכטיגקייט פון די קדושה

אין די הערצער פון אידן אין די טעג. ווייל די טעג זענען א געוואלדיגער 'עת רצון', עס עפענען זיך די טויערן פון רחמים אין הימל, און אידן ווייסן אויסצורעכענען אז אין די מסוגל'דיגע טעג זאל מען זיך מעורר זיין מיט תפילה פון דא אונטן, וואס דערמיט קענען מיר באקומען אסאך ישועות פונעם אויבערשטן.

**דער שפת אמת פירט אוים: אלו"ל איז ראשי תיבות "ו'כבודי ל'אחר ל'א א'תן"** [דער אויבערשטער זאגט: איך וועל נישט אוועקגעבן מיין כבוד פאר די אנדערע] (ישעיה מב, ח), ווייל אין די טעג נעמט מען אוועק די אלע כוחות פון די קליפות וואס ווילן פארדעקן די קדושה, און באהאלטן דעם אויבערשטנ'ס כבוד, און אין די טעג ווערט נתגלה דער כבוד פונעם אויבערשטן אויף אן אויסטערלישן פארנעם[י].

---

[י] וזל"ק (שפת אמת שנת תר"מ): בפסוק כי תצא מחנה כו' ונשמרת מכל דבר רע כו' כי ה' אלקיך מתהלך כו'. רמז לימים הללו קודם ראש השנה שהוא יום מלחמה כידוע, ולכן יום תרועה (במדבר כט א) כמו שכתוב במלחמה (שם י ט) והרעותם בחצוצרות ונזכרתם כמו שאיתא בזוהר. לכן יש חודש אלול מקודם להיות נשמר לזכות לסיוע משמים, כמו שכתוב ה' אלקיך מתהלך כו' להצילך ולתת אויביך לפניך ראשי תיבות אלול. כמו שאיתא בספרים הרמז אני לדודי ודודי לי (שה"ש ו ג), פירוש שבוודאי בני ישראל צריכין עזר משמים, רק כפי הקרבות אליו יתברך כמו כן עוזר לנו השם יתברך, וצריכין רק הכנה לקבל השראת שכינתו יתברך. וכמו שבני ישראל מכינים עצמם בימים הללו לשוב אליו יתברך כן הבורא יתברך מגלה הארות הקדושה בלבות בני ישראל בימים הללו. זה שכתוב (תהלים סט יד) ואני תפלתי לך ה' עת רצון, כי בני ישראל מכוונים ויודעים להתעורר בתפלה בימים אלו שגם בשמים מתעורר שערי רחמים. כי אני ה' הוא שמי וכבודי לאחר לא אתן (ישעיה מב ח) ראשי תיבות אלול שמסירין בימים אלו הסתרות הקליפות וסטרא אחרא ויש התגלות הקדושה כנ"ל.

## - יב -

### דודבן רעדן הייליגע דיבורים איז מען זוכה צו
### די גרעסטע מדריגות און צו אלע השפעות

**מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ**
**לַה' אֱלֹהֶיךָ נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ** (כג, כד)

**די ווערטער וואס גייען ארויס פון דיין מויל זאלסטו אפהיטן, און דו זאלסט דאס אויספירן, פונקט ווי דו האסט צוגעזאגט פארן אויבערשטן צו געבן א נדבה וואס דו האסט גערעדט מיט דיין מויל**

הרה"ק רבי משה'לע קאזשניצער זי"ע ערקלערט: דאס ווארט 'שפה' איז די זעלבע גימטריא ווי דאס ווארט 'שכינה' [385] (תיקוני זוהר תיכון כא, דף סב.). דאס איז מרמז, אז דורכדעם וואס א מענטש רעדט הייליגע דיבורים אין תורה מיט זיינע 'ליפן' ('שפה') איז ער זוכה פארוואנדלט צו ווערן צו א וואוינ-ארט פאר די שכינה.

עס איז באקאנט, אז ווען א מענטש רעדט הייליגע דיבורים ווערט באשאפן א הייליגער מלאך, און די אלע מלאכים דינען אלס מליצי יושר פאר אונז.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "מוצא שפתיך תשמור" - דו זאלסט אפהיטן דיינע ליפן צו רעדן הייליגע דיבורים, ווייל פון דיינע ליפן קומען ארויס הייליגע מלאכים ("מוצא" איז א לשון פון 'ארויסקומען'), און דורכדעם: "ועשית" - וועסטו פאררעכטן אלע וועלטן ("ועשית" איז א לשון פון פאררעכטן, זע רש"י בראשית א, ח), און

דאן ווערסטן זוכה זיין: "כאשר נדרת לה' אלקיך" - אז פון 'אלקיך' וואס איז מרמז אויף די 'מידת הדין' - וועט ווערן איבערגעדרייט צו דעם שם הוי"ה וואס איז מרמז אויף די 'מידת הרחמים', ווייל דורך הייליגע דיבורים איז מען זוכה, אז אויך די מידת הדין ווערט איבערגעדרייט צו רחמים, "נדבה אשר דברת בפיך" - און ווי אויך וועסטו זוכה זיין, אז דו וועסט באקומען א 'נדבה' און א מתנה פונעם אויבערשטן, אז וואס דו וועסט נאר ארויסרעדן פון דיין מויל, וועט מקויים ווערן, און דו וועסט באקומען דורכדעם אלעם גוטס, אמן סלה[א].

---

[א] וזל"ק (דעת משה, עה"פ מוצא שפתיך תשמור): ובאופן אחר י"ל מוצא שפתיך תשמור כו'. כי שפ"ה בגי' שכינ"ה, כי ע"י השפה הוא נעשה מרכבה לשכינת עוזו ית"ש כי דיבורו בקדושה בתורת ד', וע"י הדיבורים של הקדושה נודע כי נברא מלאך קדוש, והם המליצי יושר בעדנו. וז"א מוצא שפתיך תשמור, שתשמור שפתיך, כי ממוצא שפתיך הם המלאכים הקדושים, ועי"ז ועשית, תתקן כל העולמות. כאשר נדרת נדרת לשון דירה נד"ר אותיו נ' דר כנ"ל וכאשר בארנו לעיל. ובזה תזכה לד' אלקיך שתעשה דירה להויות הוי"ה ורחמים אלקים, גם בחינת הדין יסכימו על הרחמים. גם תזכה נדבה אשר דברת בפיך, שיתן לך נדבה מד', אשר דברת בפיך להיות בבחי' ותגזור אומר ויקם, וכמבואר אצלינו לעיל כ"פ, ודבר עצתך יקום בכל טוב אמן.

## - יג -

### "וויאזוי קען מיין תשובה האבן א קיום"?

**כִּי יִקַּח אִישׁ אִשָּׁה חֲדָשָׁה לֹא יֵצֵא בַּצָּבָא וְלֹא יַעֲבֹר עָלָיו לְכָל דָּבָר נָקִי יִהְיֶה לְבֵיתוֹ שָׁנָה אֶחָת וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר לָקָח** (כד, ה)

אז א מענטש וועט נעמען א נייע פרוי, זאל ער נישט ארויסגיין אין מיליטער, און קיין שום ענין [התחייבות] פון מיליטער זאל נישט אריבערגיין אויף אים, ער זאל זיין ריין פון אלעם איין יאר, און ער זאל דערפרייען די פרוי וואס ער האט גענומען

דער הייליגער חתם סופר זי"ע זאגט, אז דער פסוק קומט אונז דא מרמז זיין פיר וויכטיגע 'יסודות' וויאזוי עס דארף זיך פירן איינער וואס וויל תשובה טון, כדי אז די תשובה זאל בעז"ה האבן א קיום:

א] ער זאל זיך נישט דרייען צווישן ליידיגע מענטשן, ווייל דאס שטערט פון עבודת ה' און ברענגט צו צו עבירות. ב] ער זאל זיך גאר שטארק אכטונג געבן נישט צו נכשל ווערן מיט די מינדעסטע און קלענסטע עבירה. ג] אלע צייטן זאלן זיין ביי אים איינציג מיט א שטארקייט אין עבודת ה', און עס זאל נישט זיין קיין שום צייט וואס דעמאלטס דינט ער נישט דעם אויבערשטן, אפילו דאס עסן און טרונקן און שלאפן זאלן זיין לשם שמים. ד] ער זאל שטענדיג זיין פרייליך און דינען השי"ת מיט התהלבות, אויך דאס תשובה טון זאל זיין בשמחה, ווייל מקיים זיין מצות מיט עצבות און עצלות איז א גרויסע עבירה, אזוי ווי עס שטייט אין די תוכחה (דברים כח, מז): **'תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב'.**

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

דאס זאגט אונז דער פסוק: **'כי יקח איש אשה חדשה'** - ווען א מענטש וויל זיך באנייען און תשובה טון און זיך נעמען צו עבודת ה', וואס דעמאלטס נעמט ער צוריק פונדאסניי זיין נשמה (וואס ווערט אנגערופן 'אשה'), דארף ער זיך פירן ווי פאלגענד: **'לא יצא בצבא'** - ער זאל נישט ארויסגיין זיך דרייען מיט גרופעס פון ליידיגע מענטשן. **'ולא יעבור עליו לכל דבר'** - על זאל זיך היטן פון עובר זיין אויף די מינדעסטע עבירה ח"ו. **'נקי יהיה לביתו שנה אחת'** - ער זאל נישט זיין פארנומען מיט אנדערע זאכן, נאר אלע צייטן זאל זיין ביי אים ווי איינס ('שנה' איז א לשון פון צייט) צו דינען השי"ת. **'ושמח את אשתו אשר לקח'** - ער זאל שטענדיג זיין בשמחה. און דערפרייען זיין נשמה[יב].

---

[יב] **וזל"ק** (חתם סופר על התורה, עמ' צ"ח)**: כי יקח איש אשה חדשה לא יצא בצבא ולא יעבור עליו** לכל דבר נקי יהיה לביתו שנה אחת ושמח את אשתו אשר לקח. ירמוז על דברים שצריכים לבעל תשובה, ראשון תחילה התבודדות מחבורת אנשים המטרידים מעבודת ה' ומחטיאים אדם בדבר, השנית להזהר מחטא אפי' קל שבקלים כמ"ש בח"ה [בשער התשובה פ"א ופ"ה], שלישית שלא יחלוק בין הזמנים הללו אלא הכל יהי' שוים לטובה שלא יהי' רגע אחת ביום שלא יהי' קבוע לעבודת ה' גם אכילתו ושתיתו ושינה הכל לשם ה' ועמ"ש של"ה דצווח על אנשים האומרים בין הזמנים אעשה כך וכך כי מה לשון בין הזמנים כל הזמנים שוים לטובה ע"ש, רביעית השמחה וההתלהבות בעבודת התשובה כי העצלות והעצבות בזה הוא עון פלילי כמ"ש תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל. והיינו כי יקח איש אשה חדשה לחדש כליותיו לעבוד ה' ולשוב אליו ואז לוקח נשמתו מחדש, כך יהי' דרכו הישר, לא יצא בצבא בצבאות חבורת אנשים כ"א בדד ישב, שנית ולא יעבר עליו לכל דבר אפי' דבר קל לא יעבר מה שהוא אפי' רק ריח איסור, ג' נקי יהיה לביתו שנה אחת לא יהיה מעורב בהרבה התעסקות רק יהיה נקי שנה אחת פי' זמן א' כי שנה לשון זמן כדאי' בספר יצירה עולם שנה נפש והכונה על הזמן, והרביעית ושמח אשתו אשר לקח שיהי' בשמחה כנ"ל.

## - יד -

### קיין שום זאך וואס דו טוסט פאר השי"ת גייט נישט לאיבוד!

**לֹא יַחֲבֹל רֵחַיִם וָרָכֶב כִּי נֶפֶשׁ הוּא חֹבֵל** (כד, ו)

ער זאל נישט פאר'משכונ'ען קיין מיל [מיט וואס מען מאלט ווייץ]

ווייל דאס איז פאררעכנט פונקט ווי ער וואלט פאר'משכונ'ט

יענעמ'ס נפש [ווייל דאס איז דער מקור פון יענעמ'ס פרנסה]

מען דארף פארשטיין פארוואס דער פסוק רעדט דא 'בלשון נסתר', עס וואלט לכאורה געדארפט שטיין 'לא "תחבול" ריחים ורכב כי נפש "אתה" חובל', אזוי ווי דער סדר איז אין די גאנצע תורה.

הרה"ק **מאיזביצא** זי"ע איז מסביר אז דערפאר שטייט א 'לשון נסתר', צו ווייזן אז דער פסוק גייט ארויף אויף השי"ת. און דער פסוק איז אונז מרמז מיט דעם, אז השי"תווארפט חלילה נישט אוועק קיין שום תפלה פון א איד, אפילו עס זאל זיין אויף די שוואכסטע מדריגה, און אפילו עס זענען דא גאר אסאך מקטריגים וואס שרייען ער מען זאל דאס נישט אננעמען, דאך וועט הקב"ה נישט לאזן אז עס זאל גיין לאיבוד ח"ו.

און אפילו אויב דער מענטש האט אסאך געזינדיגט, און ער איז בכלל נישט ראוי אז מען זאל אננעמען זיין תפלה, דאך וועט הקב"ה דאס נישט אוועק ווארפן, אזוי ווי מיר געפונען אין חז"ל (ברכות ז.), אז הקב"ה אליינס איז מתפלל 'יהי רצון מלפני שיכבשו רחמי את כעסי', אז אפילו עס איז ראוי אז מען זיין בכעס

אויפן איינעם צוליב זיינע עבירות, דאך וויל הקב"ה צוריק האלטן זיין כעס פון אים. און די זעלבע איז מיט סיי-וועלכע אנדערע זאך וואס א איד טוט פאר השי"ת, סיי אין 'סור מרע' און סיי אין 'עשה טוב', אפילו ער טוט דאס אויפן שוואכסטן אופן און לויט זיינע אומשטענדן, דאך וועט דאס קיינמאל נישט גיין לאיבוד, נאר דער אויבערשטער לייגט דאס אוועק, און עס וועט האבן א קיום לעולמי עד.

דאס זאגט דער פסוק '**לא יחבול ריחים ורכב**', די תורה און מצות ווערן אנגערופן 'ריחים ורכב', ווייל פונקט ווי א מיל איז לעבנסוויכטיג פאר א מענטש (וואס דערפאר טאר מען דאס נישט נעמען פאר א משכון), אזוי אויך זענען די תורה און מצות לעבנסוויכטיג פארן מענטש, און דער פסוק זאגט '**לא יחבול**' - הקב"ה וועט קיינמאל נישט לאזן גיין צוגרונד קיין שום טירחא וואס א איד טוט פאר די תורה ומצות[יג].

---

[יג] וזל"ק (מי השלוח חלק ב): **לא יחבל רחים ורכב כי נפש הוא חבל**. הענין שנאמר לשון נסתר, שזה קאי על השי"ת, שלא יתבטל שום תפלה שיתפלל כל אחד ואחד מישראל ולא תתעכב משום קטרוג, וכמו שאיתא בגמ' (ברכות ז.) שהקב"ה מתפלל וכו' יהי רצון מלפני שיכבשו רחמי את כעסי, וזה מורה הפסוק הזה שלא יתבטל שום תפלה ושום טרחה של ישראל שיטרחו על דברי תורה, וזה נקרא רחים ורכב כי זה ממהר ומקרב קיום החיים.

## - טו -

**האסט געטון א מצוה בטעות? באקומסט שכר אויף דעם!**

**כִּי תִקְצֹר קְצִירְךָ בְשָׂדֶךָ וְשָׁכַחְתָּ עֹמֶר בַּשָּׂדֶה לֹא תָשׁוּב לְקַחְתּוֹ לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה לְמַעַן יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ** (כד, יט)

ווען דו וועסט אפשניידן די תבואה פון דיין פעלד, און דו וועסט פארגעסן אן 'עומר' אין פעלד, טארסטו נישט צוריקגיין דאס צו נעמען, נאר דאס זאל גיין פאר די גרים, יתומים, און אלמנות [ארימע מענטשן]

**הרה"ק מאיזביצא זי"ע זאגט:** עס ווערט געברענגט אין כתבי האר"י ז"ל (טעמי המצות פ' תצא), אז אין אונזער סדרה זענען מרומז אלע י"ג מדות של רחמים, און די מצוה פון 'שכחה' איז מרמז אויף די מדה פון 'רב חסד', ווייל דערפון זעט מען די געוואלדיגע חסדים פון השי"ת, אז אפילו דער מענטש האט דא בכלל נישט אינזין געהאט צו מקיים זיין א מצוה, און עס איז געשען אומווילנדיג, דאך ווערט עס אויך גערעכנט פאר א מצוה, אזוי ווי עס שטייט אין ספרי (תצא פ' ע"ג), אז ווען עס פאלט אראפ געלט פון איינעם און אן ארעמאן טרעפט עס און ער נוצט עס, באקומט מען שכר אויף דעם[יד].

---

[יד] וזל"ק (מי השלוח חלק ב): בזו הפרשה נמצאו כל הי"ג מדות וגם רזא דגלגולא והשבת אבידה כמו שאיתא בהאר"י ז"ל [טעמי המצוות פרשת תצא] ונזכר כסדר עד מצות שכחה שזה נקרא רב חסד, שאפילו שלא מדעת האדם נחשב לו למצוה כמו שאיתא בספרי (תצא) נפל סלע מידו ומצאו עני ונתפרנס בו הקב"ה קובע לו שכר.

## - טז -

### געוואלד! היט דיך פון עמלק!!

**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם: אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ** (כה, יז - יח)

**דו זאלסט געדענקען דאס וואס עמלק אויפן וועג ווען איר זאלט ארויסגעגאנגען פון מצרים: וואס ער האט דיר אפגעקילט אויפן וועג**

**הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע האט געטייטשט, אז 'עמלק' איז מרמז אויפן יצר הרע, "אשר קרך" - וואס ער קילט דיר אפ פון עבודת ה', ער ברענגט אריין אין דיר, אז דו זאלסט דינען דעם אויבערשטן מיט א פוילקייט און מיט א מרה שחורה, און נישט מיט א זריזות און א שמחה[טו].**

[טו] **וזל"ק** (אמרות טהורות)**: זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים אשר קרך בדרך. עמלק הוא היצר הרע אשר קרך בדרך צינן אותך בקרירות בעבודתו ית' בעצלות ובמרה שחורה.**

## - יז -

### נעם ארויס דיין קאפ פון גשמיות

תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח (כה, יט)

דו זאלסט אויסמעקן די געדענקעניש פון עמלק

פון אונטער די הימל, דו זאלסט נישט פארגעסן

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע זאגט: א מענטש דארף שטענדיג זוכן עצות, אז זיין גאנצע מחשבה און אלע זיינע געדאנקען זאלן נאר זיין אוועקגעשטעלט אויף עבודת ה', און נישט אויף גשמיות. א מענטש וואס דרייט זיך אלעמאל ארום נאר מיט מחשבות איבער זיינע גשמיות'דיגע געברויכן און זיין פרנסה, און אנדערע עולם הזה'דיגע ענינים, האט ער פונקט די זעלבע מחשבות ווי די גויים, וואס זיי טראכטן אויך שטענדיג בלויז אויפן גוף. אבער א איד איז הייליג און איז אנדערש פון דעם גוי, און ער דארף זיין געגצליך אפגעטיילט פון דעם מהלך פון די גויים, דעריבער דארף ער נאר קאנצעטרירן זיינע מחשבות אויף רוחניות און עבודת ה'.

אט דאס איז געווען די קליפה פון עמלק, אז ער האט אריינגעברענגט אין די מחשבות פון אידן - צו טראכטן פון גשמיות'דיגע ענינים, און דורכדעם האבן זיי פארגעסן פונעם אויבערשטן, און פון דעם עול מלכות שמים.

דעריבער זאגט דער פסוק: "תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק" - דו זאלסט אויסמעקן דעם 'זכרון' פון עמלק, אז דו זאלסט נישט אריינגעמען אין דיר דער סארט 'זכרון' וואס

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

קומט פון עמלק - צו 'גערענקען' די מחשבות פון עולם הזה און פון גשמיות, און דורכדעם וועט זיין: "לֹא תִּשְׁכָּח" - דו וועסט נישט פארגעסן פון עבודת ה', נאר דו וועסט קענען ארייגלייגן דיין גאנצע קאפ און מוח אין עבודת ה', און אין די וועגן וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן[ט].

[ט] ווזל"ק: זכור את אשר עשה לך עמלק כו' והי' בהניח כו' תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח. יבואר עפ"י מ"ש ד' הפיר עצת גוים הניא מחשבות עמים עצת ד' לעולם תעמוד. כי הנה האדם צריך לבקש עצות בנפשו שיהי' כל מחשבותיו נכונים רק בעבודת הבורא ב"ה. כי אדם ההולך רק במחשבות הנוגעים לצרכי גופו וממונו בעוה"ז הוא כמו מחשבות העובדי כוכבים כי גם הם מבינים חסרונם בצרכי הגופני. ואם אין דעת הבדלה מנין וכתיב ואבדיל אתכם כו' כי איש הישראלי צריך להיות מופרש ומובדל מכל מנהגי עובדי כוכבים ואם כל מעייני מחשבתו בעניני עוה"ז הוא עול הרשעי'. וזה הי' כחו של עמלק אשר קרך בדרך שהביא במחשבותם של בנ"י עניני עוה"ז ועי"ז לשכחו מלוח לבבם עול מלכות שמי' בעבודת הבורא. אימה חשכ"ה אותיות שכח"ה. וז"ש והי' כאשר ירים משה את ידו וגבר ישראל. יד"ו אותיות יו"ד רמז לחכמה ר"ל כאשר הרים בחינת החכמה אז וגבר ישראל שהיו גוברים מחשבת' בעניני עבודת הבורא ב"ה וכאשר יניח ידו וגבר עמלק הי' להיפך כנ"ל. וז"ש והי' בהניח כו' תמחה את זכר עמלק. פי' עניני זכירת עמלק שמעלה היצה"ר זכרונו בעניני עוה"ז. אזי לא תשכח ממילא לא יהי' בך מדת השכחה בעניני עבודת הבורא ב"ה. רק כל מחשבותיך יהיו נכונים כולם לא ימוט לנצח הזכירה בעבודת הבורא ב"ה. אמן.

## - יח -

### אלעס וואס פאסידט איז מיט אן אויסגערעכנטן חשבון פון די השגחה עליונה

תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח (כה, יט)

דו זאלסט אויסמעקן די געדענקעניש פון עמלק

פון אונטער די הימל, דו זאלסט נישט פארגעסן

הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע האט ערקלערט, אז עמלק זוכט אלעמאל מסביר צו זיין יעדע פאסירונג, אז דאס איז געשען דורך 'דרך הטבע', ער גלייבט נישט אז דער אויבערשטער פירט אלעס מיט אן אויסגערעכנטן חשבון. אט דער ענין ווערט אנגערופן "תחת השמים" – ווייל ער פארדרייט דעם קאפ מיט מחשבות פון 'טבע', אז אלעס טוט זיך אפ נאר 'אונטערן הימל', אָן קיין שום העכערן כח חס ושלום. און דער פסוק זאגט, אז מיר דארפן זען אויסצומעקן אט די בחינה פון 'תחת השמים', נאר מיר זאלן אלעמאל גלייבן, אז יעדע איינציגע זאך פאסירט דורך די השגחה עליונה, און ווען מיר ווערלן אזוי טון וועט זיין: "לא תשכח" – דו וועסט קיינמאל נישט פארגעסן פון יראת ה' און אהבת ה', דו וועסט מורא האבן פון באשעפער און אים ליב האבן, שטענדיג אן אויפהער*.

* וזל"ק (אמרות משה): זכור את אשר עשה לך עמלק וגו' ואתה עיף וגו' תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח. ובשם אדמו"ר מקאברין ז"ל מתחת השמים, היינו שתולה הכל בטבעיות ומכחיש בהשגחה זו הבחינה נקראת תחת השמים, לכן תראה תמיד למחות זו הבחינה רק תמיד תראה להאמין שהכל בהשגחה, וכשתעשה כן לא תשכח יראתך ואהבתך תמיד להשם יתברך.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

כי תצא

## - יט -

**זיי נישט קיין נאַר, נוץ אויס די הרהורי תשובה וואס קומען אריין צו דיר!**

דער הייליגער ישמח משה זי"ע זאגט: ווען עס קומען אריין הרהורי תשובה אין דעם הארץ פונעם מענטש זאל ער זיי נישט באזייטיגן און אוועקלאזן מיט גארנישט, ווייל די מחשבות זענען שלוחים פונעם קעניג, דאס איז א דירעקטע שליחות פונעם אויבערשטן וואס האט אים אריינגעשיקט די מחשבות כדי אים צו מעורר זיין צו תשובה, אויב אזוי איז דען רעכט אוועצושטופן דעם שליח פונעם קעניג וואס איז געקומען צו זיין הויז?! דאס איז דאך דער גרעסטער עולה און פארברעכן וואס מען קען טון!!

אויסער דעם איז פשוט א שאד אדורכצולאזן די הרהורי תשובה וואס קומען צום מענטש, ווייל די בעסטע, גלוסטיגסטע, און טייערסטע מציאות וואס איז פארהאן, איז: יראת שמים און תשובה ומעשים טובים, ווי די משנה זאגט (אבות ד, יז), אז איין שעה תשובה און מעשים טובים אויף דער וועלט איז בעסער ווי די גאנצע עולם הבא, אויב אזוי וועלכער שוטה וועט אויפגעבן אויף אזא טייערן אוצר וואס ער קען זיך איינקויפן?! און זיכער נאכדעם וואס מען ברענגט אים דעם אוצר צו זיינע אויגן, און ער זעט ווי ער קען דאס נעמען צו זיך, וועלכער טיפש וועט דאס אפלאזן און נישט נעמען אזא אוצר?![יח].

---

[יח] וזל"ק (ישמח משה, תוכחת חיים אמירה נעימה, לחודש אלול, אות ד): מוסר גדול על הרהורי תשובה הבאין לאדם בלב שלא ידחה אותן, דהם שלוחי דמלכא היתכן לדחוף שליח המלך מביתו, הלא אין לך מרד ומעל גדול מזה, ועוד הלא יראת ה' היא אוצרו גנזא דמלכא, ויפה שעה אחת בתשובה

## - כ -

### די מדת השפלות פון הרה"ק רבי פנחס קאריצער זצוק"ל

דער הייליגער צמח צדק זי"ע האט געזאגט: "רבי פנחס קאריצער איז געווען גאר גרויס אין די מדה פון שפלות, און מיין זיידע (הרה"ק בעל התניא זי"ע) האט מקבל געווען די מדת השפלות פון רבי פנחס קאריצער, און איך האב דאס מקבל געווען פון אים, איך איך קלער אז דאס איז די סיבה פארוואס איך האב ב"ה זוכה געווען צו אריכות ימים"[יט].

כו' (אבות פ"ד מי"ז) אם כן אין אוצר נחמד יותר מזה אם כן מי פתי יסור הנה שאחר שנראה לו האוצר מלהיב לעינו ויניחנו ולא יקח ממנו כלום אתמהא.

[יט] ליקוטי אמרי פנחס (אות צ"ב): הצמח צדק אמר: רבי פנחס קאריצער משובח במדת השפלות, זקיני [הרה"ק רבי שניאור זלמן מלאדי] קיבל מדת השפלות מרבי פנחס קאריצער, ואני קבלתי ממני, וחושבני שמזה ת"ל אריכות ימי.